LIVING TORAH

# פרשת שמות

## בס״ד. משיחת יו״ד שבט ה׳תשמ״ג.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער ענין החינוך איז דאָס איז דער **יסוד** אויף וועלכן ס׳האַלט זיך דער גאַנצער ״בנין״ פון דער גאַנצער חברה, פון די גאַנצע קהילות, פון די גאַנצע קבוצות אנשים ונשים וטף, אַז ס׳זאָל זיין ״**לשבת יצרה**״, ניט חס ושלום ״איש את רעהו...״, ״אלמלא מוראה של מלכות״,

וואָס דאָס הענגט אָפּ, אַז דער חינוך הויבט זיך אָן מתחילתו ״חנוך לנער״ ווען ער איז נאָך **גאָר** קליין, אויף אַ געזונטן יסוד, און דערנאָך איז ״גם כי יזקין לא יסור ממנה״.

וואָס וואָס איז דער געזונטער יסוד, ווי דערמאָנט פריער: פּונקט אַזוי ווי דער יסוד פון דעם גאַנצער באַשאַף איז דאָס ״בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״ — אַזוי איז דער **געזונטער** און דער **אמת׳ער** און דער **איינציקער** געזונטער יסוד פון אַ חינוך פון אַ קינד — אַז ער זאָל וויסן זיין, אַז ״בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״, אַז ״יש בעל הבית לבירה זו״,

און ס׳איז ניט נאָר אַ בעל הבית אויף אַ **פאַרטיקע** דירה, נאָר דאָס איז ״ברא אלקים״: דאָס איז דער וואָס האָט **אויפגעבויט** די דירה — האָט אויפגעבויט די וועלט, און ער **פירט-אָן** מיט דער וועלט און **משגיח** בהשגחה פרטית אויף אַלע פרטים פון דער וועלט,

און וויל, אַז אין דער וועלט זאָל זיין אין אַן אופן, ווי דערמאָנט פריער, אַז דאָרט זאָל זיין דער שליטה — דאָרט זאָל געוועלטיקן צדק ויושר וחסד ומשפט — ליכטיקייט און ריינקייט און הייליקייט, אַז ס׳זאָל זיין ניכר, אַז דער אויבערשטער האָט דאָרט זיין דירה.

וואָס דאָס איז, כאמור, וויבאַלד אַז אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, טאַקע דורכן אויבערשטן, אָבער דער אויבערשטער האָט געוואָלט און האָט אים באַשאַפן ״בכל לבבך — בשני צריך״, מיט אַ יצר-טוב און אויך מיט אַ יצר וואָס ער איז היפך פון יצר-טוב,

וואָס אָט דעמאָלט קען זיך טרעפן אַמאָל אַ מצב ומעמד וואָס דער יצר וואָס איז היפך פון יצר-טוב זאָל מצליח זיין אין זיין מלחמה מיטן יצר-טוב, און זאָל וועלן פועל זיין אויפן מענטשן ער זאָל זיך פירן ווי ער ווערט געשטופּט פון דעם יצר וואָס ער איז היפך פון יצר הטוב.

די איינציקע באַוואָרעניש, אַז דער יצר היפך פון יצר הטוב זאָל ניט מצליח זיין — איז, אַז בשעת מ׳זאָגט אים, אַז ס׳איז דאָ אַן ״עין רואה״ און אַן ״אוזן שומעת״, אַז ס׳איז דאָ אָט דער וואָס האָט באַשאַפן אָט דעם מענטשן, און האָט באַשאַפן דעם יצר-טוב און דעם יצר היפך הטוב, און האָט באַשאַפן די תאווה, און האָט אים אָנגעזאָגט, דעם מענטשן, ער זאָלביישטיין די הסתות ופיתויים מיט די תאוות און פירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל.

און וויפל ער זאָל ניט האַלטן פון זיך און פון זיין גרויסקייט און פון זיין חכמה — איז אויב מ׳האָט אים נאָר ניט צוקאַליעטשעט, ניט מקלקל געוועזן ר״ל דורך א חינוך וואס טויג ניט, ווייס ער, ער איז א מאמין בן מאמין, אז ס׳דא אן אויבערשטער וואס ווערט אנגערופן בשם אויבערשטער בלשון בנ״א דערפאר וואס יעדערער ווייס אז ער איז דער אויבערשטער פון יעדער מענטש און פון אלע מענטשן, און ער האט אן ״עין רואה ואוזן שומעת״ און ״אם יסתר איש במסתרים״ היתכן אז ער זאל טראכטן אז ״אנכי לא אראנו״.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שמות

וואָס דאָס באַוואָרנט דעם קינד ווען ער איז נאָך אַ "נער", ער זאָל לכתחילה וואַקסן אין אַן אופן, אַז ער ווייס אַז "שלך שלך", אַז דאָס וואָס געהערט צו אַ **צווייטן** קינד, איז ניט נאָר "לא תגנוב" נאָר אויך אפילו "לא תחמוד", וואָרום ער ווייס, אַז ס'איז "אנכי הוי' אלקיך" וואָס "הוצאתיך מארץ מצרים", פון אַלע-ערליי מיצרים וגבולים און פון אַלע-ערליי ווי ס'איז געווען דעמאָלט די איינרעדענישן און די חכמות מצרים וואָס האָט געבראַכט צו אַלע-ערליי מעשים מקולקלים – האָט דער אויבערשטער "הוצאתיך מארץ מצרים",

און ווי דערמאָנט כמה פעמים, אַז דוקא אין דער מדינה וואָס די וויסנשאַפט איז דאָרט געווען מיט די גרעסטע אַנטוויקלונג, כולל אויך **חכמת המוסר**: די השקפת החיים, השקפת עולם, וואָס פון איר וואַקסט אויס תורת המוסר – איז דאָרט אויך געווען אַנטוויקלט אין דעם גרעסטן אופן פון שטאַנדפונקט פון מדע, און דאָס האָט אָבער געבראַכט צו אַזאַ הנהגה פון היפך כל מצב ומעמד פון אנושי, וואָס קיינער וואָלט זיך ניט געקענט גלויבן, אַז מענטשן **בכלל** קענען זיך אַזוי פירן, על אחת כמה וכמה – מענטשן וואָס האָבן צוטאָן מיט **מוסר**, און וואָס פּרעדיקן – ווי זיי האָבן געטאָן – געפּרעדיקט מוסר לכל העולם כולו.

די סיבה אויף דערויף איז געווען – ס'איז געווען די חכמה אָן דעם **יסוד החכמה**. וואָס "**יסוד היסודות ועמוד החכמות**" איז – אַז יש איינער וואָס ער איז אַ מציאות אמיתית, און פון זיין מציאות איז "נמצאו כל הנמצאים".

וואָס דערצו איז די איינציקע עצה, כאמור, אַז פון קינד-ווייז אויף זאָל ער **ערצויגן** ווערן, און דאָס זאָל זיין ביי אים די **התחלה** בכל יום ויום, אַז ס'איז דאָ דער אויבערשטער וואָס ער איז "העכער" און "אויבערשטער" פון יעדערן און יעדערע, און ער איז זיין "**פערזענליכער**" אויבערשטער, און ער איז דער "עין רואה ואוזן שומעת" וואָס דער קינד פירט זיך.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.